# מאמר היתחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש אדר
נתנדב ע"י הרבני הנגיד
מוה"ר יואל עפשטיין הי"ו
זכותו הגדול וזכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו להתברך בכל מילי דמיטב, אמן

שנה ט | גליון 143 | פורים | תשפ"ה לפ"ק




## ולישרי לב שמחה; די 'שמחה' פון פורים קען נאר פאסירן דורך 'הייליגע אויגן'

### דו ביסט ביי דער ריכטיגער חתונה?!

ס'זאל זיך נישט מאכן אפט, אבער ס'איז פארט אן ערשיינונג וואס פאסירט אפילו ביי די שענסטע משפחות... שמעלקא דארף צוגיין א שכן'ס חתונה. ער קומט אריין אין זאל און שליסט זיך אן אין דעם טאנצנדיגן רינג. אבער נאך עטליכע מינוט הייבט ער אן קווענקלען: בין איך ביי דער ריכטיגער חתונה?! עפעס איז נישט קלאר דא...

אין זיין פארלעגנהייט הייבט ער אויף א טעלעפאן צו זיין חבר: "זאג נאר משה, וואו מאכט יענקל חתונה היינט?!"

"איך ווייס נישט. וואס איז?"

"איך דריי זיך דא ארום ביי א חתונה, אבער כ'בין נישט זיכער צו דאס איז טאקע יענקל'ס חתונה."

זיין חבר משה האט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ און עצה'ט אים:

"הער אויס שמעלקא, כאפ א שנעלן בליק אין זאל. דו זעסט דארט ר' ברוך, יענקל'ס טאטע? אייזיק, יענקל'ס ברידער? שמואלי, יענקל'ס שוואגער? דו זעסט דארט איינעם פון זיי?".

נאכדעם וואס שמעלקא האט דורכגעפירט א קורצן איבערזיכט אין זאל און ער האט טאקע נישט געפינען קיינעם פון יענקל'ס קרובים, איז אים קלאר געווארן אז ער געפינט זיך נישט ביי דער ריכטיגער חתונה. פארוואס? ווייל ביי יענקל'ס חתונה וואלט ער געטראפן יענקל'ס קרובים!

◆ ◆ ◆

### לאמיר נישט טאנצן אויף קיין פרעמדע חתונה...

וואו איז דען פארהאן א שענערע שמחה ביי כלל ישראל, ווי די געהויבענע שמחת פורים. אידן טאנצן, שפרינגען, טרינקן, און אלע זענען בגילופין און אויפגעהייטערט. דאס איז דאך די מצוות היום.

כאפט זיך אבער צומאל אריין אזא נארישע הרגשה, כאילו די שמחה פון פורים קען נישט גיין צוזאמען מיט'ן זיין הייליג און אפגעהיטן דורכאויס




## ברצון איש ואיש...

אידן לאזן זיך הערן מיט זייערע **רעיונות** און **עצות**, **חיזוק** און **קוראזש**, אלעס ארום שמירות עינים אין פורים.



זייט 6




דעם טאג; כאילו אויב מ'גיט זיך אכטונג אויף די אויגן, וואו מ'קוקט און אויף וואס מ'קוקט, איז דאס עפעס א סתירה מיט די שמחה'דיגע שטימונג וואס מ'וויל האבן אום פורים.

אבער ס'איז קריטיש וויכטיג צו געדענקן אז טאמער מ'שפירט אזוי, דעמאלט האט מען א פנים ווי אונזער ר' שמעלקא. מ'טאנצט איינפאך אויף דער אומריכטיגער חתונה... אויב טרעפט מען זיך נישט אין דער שמחה מיט'ן רבוש"ע און זיין תורה הק'; אויב פארקוקט מען חלילה אויף וואס א איד דארף אכטונג געבן, דאן איז דאס די בעסטע סימן אז נישט פון דעם האט מען גערעדט...

דער יום טוב פורים, זאגן אונז חז"ל (שבת פח, א) איז די ריכטיגע חתונה פון מתן תורה, הדר קבלוה מאהבה! אין דעם גרויסן טאג, האבן אידישע קינדער פון זייער אייגענעם רצון אויסגערופן אז זיי באלאנגען פאר'ן רבוש"ע. אנו רעיתיך ואתה דודינו.

אט דאס איז די ריכטיגע 'שמחה של מצוה' וואס גיסט זיך איבער אין אזא גרויסן טאג. אידישע קינדער ווערן דורך די שמחה דערנענטערט צום רבוש"ע מיט א טיפע נשמה'דיגע פרייד, אז מיר זענען כביכול איינס מיט'ן אויבערשטן. דער איד פריידט זיך מיט'ן רבוש"ע און מיט די פרישע קבלת התורה, און אויטאמאטיש ברענגט אים די שמחה אז ער זאל וועלן נאכמער טון דעם רצון ה', און אז ער זאל זיך דערווייטערן פון וואס דער רבוש"ע האט פיינט - אוהבי ה' שנאו רע.

אבער טאמער די שמחה ברענגט חלילה א היפוך פון קרבת אלקים; אויב שפירט מען ווי כאילו הייליגע אפגעהיטענע אויגן איז א סתירה צו דער שמחה, דאן איז דאס נישט די חתונה פונעם רבוש"ע. עפעס א טעות האט דא פאסירט... ווייל ביי דער שמחה פון השי"ת, טרעפט מען דעם חתן, דער רבוש"ע נותן התורה. מען טרעפט די אלע מצוות וואס ער האט אונז געגעבן אין דעם טאג מיט אזא ליבשאפט.

## אמת'ע שמחת פורים – בלויז דורך קדושה!

אייגנטליך גייט עס נאך אסאך טיפער דערפון: ווייל די פשוט'ע מציאות איז, אז די אמת'ע שמחה פון א איד קען בלויז ארויסקומען פון אפגעהיטנקייט און קדושה! וויפיל ריינער א איד פירט זיך אויף; וויפיל מער ער גיט זיך אכטונג, אזויפיל מער קען ער שפירן א ריכטיגע פרייליכקייט און א פנימיות'דיגע שמחה.

די ספרים הק' זענען מסביר (קדושת לוי לפורים, ד"ה לבאר. פרי צדיק ר"ח אדר, ב, ובשא"ס) אז דערפאר איז 'משנכנס אדר מרבין בשמחה', ווייל דוקא יעצט, נאכדעם וואס אידישע קינדער זענען אריבערגעגאנגען די וואכן פון שובבי"ם, אידן האבן זיך גערייניגט און זענען געווארן נאנטער צו קדושה, קומט אצינד ארויס די אמת'ע שמחה אינעם נפש.

איבער דעם ענין האט דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע געזאגט: "פורים קען מען צוקומען צו קדושה, און דורך קדושה קען מען צוקומען צו שמחה!" - דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז די סגולה פון פורים איז בעצם צו ברענגען קדושה אויף א איד. און אז מ'האט שוין קדושה, דעמאלט וועט שוין אויטאמאטיש די שמחה אליין נאכקומען! די שמחת פורים איז בלויז א רעזולטאט, א תוצאה, פון דער קדושה וואס ווערט נשפע אין דעם גרויסן טאג.

## אפגעהיטענע אויגן באגייסט אונז מיט שמחה

דער יצר הרע האט א ספעציעלע אגענדע אראפצומאלן דעם פורים מיט א פאלשן פנים, כאילו אז וועגן ס'איז פרייליך און אויפגעלייגט, איז נישט קיין צייט פאר ערנסטקייט. שמירת עינים איז גוט פאר חודש אלול, עשרת ימי תשובה, אפשר שובבי"ם אויך... אבער פורים?! ס'איז דאך א פרייליכער טאג, נישטא קיין צייט פאר פרעשור...

ס'איז אבער אזא שאד אויב מ'לאזט דעם בעל דבר אונז פארדרייען דעם קאפ מיט אזא בליק. ווייל דער אמת איז דאך ממש קאפויער: קדושה איז פאקטיש די איינציגע מהלך וואס ברענגט שמחה פאר'ן מענטש, און דאס פארקערטע פון קדושה ברענגט צו עצבות!

אז מען היט זיך אפ ווי ס'דארף צו זיין אום פורים, איז מען זוכה צו אזא זיסע אמת'ע שמחה, נישט סתם א שמחה פון אינדרויסן. ווי מ'קען עס זען ביי ערליכע אידן, וויאזוי אדרבה, אין אזא פרייליכע טאג נאכ'ן טרינקען און טאנצן פאר'ן באשעפער זענען זיי אסאך העכער און אנגעפולט מיט קדושה וטהרה.

אזוי שרייבט טאקע דער הייליגער שפת אמת זי"ע: "על ידי התעוררות לתשובה שלמה ביום הפורים, כן תרבה ותגדל השמחה עליו ונפשו עליו תשמח ולא יראה עצב כלל"!

## די נסיונות פון דעם טאג

מ'זעט ווירקליך אן אינטערעסאנטע ערשיינונג, אז די נסיונות פון פורים זענען לגמרי נישט קיין נייע פענאמען. דער בעל דבר - וואס אזוי ווי המן הרשע בשעתו פארגינט ער נישט פאר אידישע קינדער אזא פרייליכן טאג - האט אלעמאל געהאט א ספעציעלע ארבעט צו שטערן די קדושה פון אידן, און דערפאר האבן צדיקים אין אלע דורות מעורר געווען דערויף אז מ'דארף האבן א ספעציעלע זהירות אין דעם טאג.

ס'איז באקאנט די פייערדיגע ווערטער פון הרה"ק ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל אין ספר יערת דבש (ח"ב דרוש ב' ד"ה ראו) אז פורים איז פאראן א יצר הרע צו ח"ן קוקן אויף נשים, און מ'דארף זיך שטארק היטן פון דעם און זיך נאר פרייען מיט א שמחה של מצוה און מיט די מצוות היום.

דער הייליגער חיד"א שרייבט (ספר לב דוד פרק כ"ט) אז ס'איז ברור, אז ווען אידן זאלן זיך אויפפירן אום פורים ערליך כראוי, איז זיכער אז פון דעם טאג אליין וואלט מען געקענט אויס'פועל'ן די גאולה שלימה!

## אביסל התבוננות קען פארמיידן אסאך פראבלעמען

אלזא, נאכדעם וואס מיר ווייסן שוין דעם 'סוד' אז פורים איז פאראן א ספעציעלע התגברות היצר אין דעם ענין, איז פאראן א פשוט'ע עצה טובה, וויאזוי מ'קען בעז"ה האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ זיך צו היטן ריכטיג. אז מ'זאל זיך אוועקזעצן פון פריער און זיך מתבונן זיין מיט אביסל ישוב הדעת, 'וואס' זענען די נסיונות און 'וויאזוי' קענען מיר זיך אמבעסטן ספראווען דערמיט, כדי צו פארזיכערן אז מיט סייעתא דשמיא גייען מיר אריין מיט די פאסיגע הכנה און שטארקייט צום הייליגן יום טוב.

אז מ'ווייסט דעם פראבלעם - זאגט די וועלט - האט מען שוין א האלבע לעזונג. איז דעריבער אויך ראטזאם אז מ'זאל פארשטיין מיט א מציאות'דיגן בליק, וואס איז טאקע די פראקטישע סיבה, פארוואס אום פורים קען אויסקומען אז מ'זאל זיך אנשטאלפערן מיט שוועריגקייטן ווען ס'קומט צום ענין פון קדושת עינים.

## די למעשה'דיגע שוועריגקייטן

פורים איז א צייט וואס אידישע קינדער דרייען זיך איבער די גאסן... יעדער געפינט זיך אינדרויסן, אנשים נשים וטף, ס'איז דאך פורים אויף דער וועלט... מען טראגט משלוח מנות, מען קומט און מען גייט צו זיידע/באבע, און משפחות קומען זיך צונויף צו פראווען די סעודת פורים 'משפחה ומשפחה'. אזוי ארום אז ס'איז פשוט ס'פאסירט פשוט טעכניש אז אין די עטליכע שעות באגעגנט מען זיך מיט גאר אסאך נסיונות לגבי שמירת עינים.

שוין אפגערעדט אז די טייערע אידן וואס גייען נאך געלט און דארפן אריינגיין אין די הייזער, וועלן זיך בהכרח אנשטויסן אין פעלער וואו מ'דארף האבן אן איבריגע דאזע פון שטארקייט זיך צו האלטן פעסט און אפהיטן די אויגן. אסאך מאל איז עס די רעדע פון בחורים און אינגעלייט וואס אגאנץ יאר קומט זיי ניטאמאל אויס צו זען עפעס אנדערש ווי די כותלי ביהמ"ד, ואשרי חלקם, אבער פורים, ווען מען לויפט ארום נאך געלט, האקט מען זיך פלוצים אריין אין פרישע נסיונות, וואס מען איז ניטאמאל צוגעוואוינט דערצו און מ'דארף צומאל א היבש ביסל התגברות זיך צו דערהאלטן מיט א שלימות'דיגע קדושה און שמירת עינים.

פורים האט אויך די אייגנשאפט אז עס שפילן זיך אפ פילע אינטערעסאנטע פאסירונגען אין אלע ווינקלען... דאס ערוועקט אויטאמאטיש די מענטשליכע נייגער צו וועלן זען און קוקן רעכטס און לינקס, און אינצווישן שטעלט דער בעל דבר חלילה אהין וואס 'ער' וויל אז מ'זאל זען...



# דער לאו פון "ולא תתורו" גייט אויך אן פורים...

צוליב אט די אלע סיבות פאדערט זיך א באזונדערע שטארקייט און קאנטראל אויף די אויגן אום פורים. צווישן די בלעטער פון דעם גליון ווערט דעריבער פארעפנטליכט פאסיגע און פראקטישע עצות, סיי מפי ספרים וסופרים, און סיי וואס די חשוב'ע ליינער האבן אריינגעשיקט, וואס דאס וועט בעז"ה פיל פארגרינגערן דעם נסיון, ווייל אז מ'טראכט אביסל פון פריער קען מען גאר אסאך פארמיידן.

באמת אז מ'איז זיך מתבונן איז דאך א דבר פשוט אז דער-הארבער לאו פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איז נישט קיין מצוות לא תעשה שהזמן גרמא... ס'איז נישט דא קיין איין רגע אין יאר וואס מ'איז פטור פון דעם לאו, און א איד טאר נישט קוקן א ראיה אסורה אדער טראכטן וואס מ'טאר נישט, נישט קיין חילוק ווען און וואו ער געפינט זיך.

נאר די סיבה פארוואס מען פארגעסט זיך צומאל אפילו אזעלכע פשוט'ע זאכן, איז וויבאלד מ'פאלט אריין אינעם פורים אן קיין ישוב הדעת. דערפאר איז טאקע אזוי וויכטיג אז מ'זאל זיך יא קלארמאכן נאך פאר פורים, און ווען מ'טראכט אריין איידער מ'קומט צום נסיון דאן איז אסאך גרינגער זיך מתגבר צו זיין. לאמיר דעריבער מאכן די פאסיגע הכנה מיט די ריכטיגע עצות און התבוננות, אזוי אז אפילו נאך עטליכע גלעזלעך ווייַן זאל מען נישט פארגעסן דערפון...

# וישמחו בך ישראל; מיר קענען כביכול מאכן א 'שמחת פורים' פאר'ן רבוש"ע!

צום שלוס, איז א דבר בעתו איבערצו'חזר'ן די פארכטיגע ווערטער, וואס עס שרייבט דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע ) נועם אלימלך אמור( אויפ'ן פסוק 'מועדי ה' אשר תקראו אותם מקראי קודש אלה הם מועדי' - אז די אלע ימים טובים וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן זענען טעג פון שמחה פאר אידישע קינדער, לעומת זה ביים אויבערשטן איז די גרעסטע שמחה און תענוג ווען א איד פירט זיך בקדושה מיט ריינע מחשבות, און דעמאלט איז כביכול א "יום טוב" ביים אויבערשטן!

דאס איז פשט אין פסוק, 'אשר תקראו אותם מקראי קודש' - ווען ענק וועלן זיך אויפפירן בקדושה וטהרה; 'אלה הם מועדי'- דאס זענען מיינע ימים טובים!

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אונז דא מגלה א וואונדערליכער סוד מכבשי דרחמנא; אז אויך מיר פשוט'ע אידעלעך, אויך אין אונזער נידריגן דור פון יאר תשפ"ה, קענען מיר כביכול גורם זיין א 'שמחת פורים' ביי כביכול דעם רבוש"ע! יעדע התגברות אויף שמירת עינים, יעדע קליינע ריר צו האלטן אונזערע אויגן הייליג, ברענגט בפועל א הימלישע שמחה כלפי מעלה! ווי גרויס איז אונזער זכי', ווי גרויס איז אונזער גליק! ישמח ישראל בעושיו - ישמח ה' במעשיו!




# אויף די וויליאמסבורגער גאסן

אין בין א יונגערמאן אין וויליאמסבורג. ס'איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק פורים, נישט לאנג נאך מיין חתונה, ווען איך האב מיר געמאכט א פלאן ארומצוגיין פורים נאכמיטאג נאך געלט, מיט'ן חשבון צוזאמצושטעלן א לייטישע סומע.

ס'איז געקומען די צייט ווען איך האב מיך געוואלט ארויסלאזן אויף דער יאַרכע, און איך האב מיך ארויסגעלאזט מיט א פרישקייט איבער די גאסן. ס'האט נישט לאנג גענומען, און איך האב געזען אז דאס איז קיין עסק נישט. די גאסן זענען געווען איבערגעפילט, סיי אויף די סיידוואקס און סיי אינמיטן גאס; מענער און פרויען, פוסגייער און קארס, מאָבילס און משלוח מנות טרעגער - מ'דארף קיינעם נישט מסביר זיין וויאזוי ס'קוקט אויס.

זעענדיג דאס תערובות, האב איך מחליט געווען אז איך קען אזוי נישט גיין נאך געלט. אנשטאט האב איך מיך אריינגעזעצט אין בית מדרש און געלערנט אביסל, און דערנאך בין איך געגאנגען פארברענגען און זיך פרייען מיט סעודת היום. איי, וואס וועט זיין מיט'ן געלט וואס איך האב געוואלט צוזאמשטעלן? דער אויבערשטער האט גענוג וועגן מיר צו שיקן געלט, האב איך געטראכט. אז דאס נישט דער וועג, וועט עס קומען פון ערגעץ אנדערש. רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר.

דעם קומענדיגן טאג, שושן פורים, טרעף איך מיין חבר אין בית מדרש. שמועסנדיג אזוי, דערציילט ער מיר אז ער האט לעצטנס היבש מצליח געווען מיט פרנסה, און ער האט זיך אנגעגרייט א שיינעם סכום צו אויסטיילן פורים. די פראבלעם איז נאר אז די געלטגייער האבן נישט מיטגעהאלטן זיינע פינאנציעלע חשבונות, און נישט געוואוסט צו קומען צו אים. און אז ס'איז נישט געווען קיין פּוֹשֵׁט יָד, איז נישט געווען קיין נוֹתְנִים לוֹ, און יעצט איז ער געבליבן מיט'ן גאנצן מעות פורים.

"אינטערעסאנט," זאג איך אים. "איך האב מיך צוגעגרייט צו גיין נאך געלט, אבער צוליב די פולע גאסן האב איך מיך מונע געווען דערפון, מיט'ן חשבון אז דער אויבערשטער האט מיר גענוג וועגן צו שיקן. אפשר," האב איך אים פארגעשלאגן, "מאכן מיר אזא בַּעַל-הַתֵּל-וּבַעַל-הֶחָרִיץ געשעפט?"

ס'איז מיין חבר געפאלן דער געדאנק, און מיר האבן געמאכט דאס שותפות. וַיִּתֵּן מַשְׂאֵת כְּיַד הַמֶּלֶךְ - איך האב באקומען פון אים א סכום הגון, נישט ווייניגער וויפיל איך האב מיך גערישט צו מאכן, וְהָעִיר שׁוּשָׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה!

אז מ'מיינט עס אמת'דיג, העלפט דער רבש"ע!

משה יצחק ג. וויליאמסבורג

## הרה"ק בעל בית אברהם מסלאנים זצ"ל:

**עס זענען דא מענטשן וואס דער יצר הרע איז זיך מתגבר, זיי צו מכשיל זיין, אבער פורים איז דא א ספעציעלע סייעתא דשמיא אויף דעם, ווייל דער רבש"ע איז אויך מקיים 'משלוח מנות' און ער גיט פאר יעדן וואס שטרעקט אויס זיין האנט ווייל ער קען זיך נישט אליין מתגבר זיין, העלפט אים דער רבש"ע אז ער זאל זיך קענען שטארקן במחשבה ובמעשה!**

# א תפלה צום רבש"ע

אלע ווייסן די הייליגע ווערטער וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק **יסוד יוסף** (פרק פ"א), און דערנאך דורך זיין תלמיד אין ספה"ק **קב הישר** (פרק צ"ז), אז די גאנצע סיבה פארוואס חכמינו ז"ל האבן קובע געווען דעם 'תענית אסתר' הארט איידער דעם יום טוב פורים, איז כדאי מיר זאלן האבן די געלעגנהייט צו מתפלל זיין און זיך בעטן ביי השי"ת אז דער פורים זאל טאקע אריבערגיין הייליג און ערליך, ווי עס פאסט פאר אזא גרויסן זמן.

דער 'יסוד יוסף' לייגט נאך צו אז ווען מען זאגט די סליחות פון 'תענית אסתר' דארף מען אינזין האבן ביי דעם סליחה פון 'במתי מספר חלינו פניך", ווען מ'זאגט די ווערטער: '**שְׁמַע תְּפִלָּה וְהַעֲבֵר תְּפִלָּה**', צו מתפלל זיין אז מ'זאל חלילה נישט צוקומען צו קיין שום עבירה ח"ו דורך דעם שמחת פורים!

דאס איז אלזא די ערשטע און וויכטיגסטע שליסל; להקדים תפלה! יעדער איד קען זיך אראפנעמען די עטליכע מינוט בעפאר פורים און 'בו ביום', פשוט צו בעטן דעם רבוש"ע, אז ס'זאל ביי אים זיין 'א כשר'ן פורים', אן קיין שום מכשולות און אן קיין שום נסיונות. ס'איז קיין ספק נישט אז אזא תפלה ווערט נישט צוריקגעקערט ליידיג, נאר עס וועט פועל'ן דאס ריכטיגע, בדוק ומנוסה!

מה שאלתך וינתן לך!

# די טויערן זענען אפן, מ'קען פועל'ן ישועות!

נאך א גאר למעשה'דיגע נקודה, וואס קען אונז שטארק באגלייטן במשך דעם גאנצן פורים:

מיר אלע ווייסן וואס צדיקים האבן מפליג געווען איבער די אויסטערלישע קדושת היום, ווי ווייט יעדער איד האט אום פורים דעם כח פון "מה שאלתך וינתן לך", יעדער איד קען אין דעם טאג פועל'ן ישועות און רפואות פאר אידישע קינדער אן קיין גרעניץ! אין ספרים הק' שטייט נאכמער, אז אין דעם טאג פורים האט יעדער איינציגער איד דעם כח פון א 'בעל שמחה' וואס קען וואונטשן און אלע זיינע תפלות און בקשות ווערן נתקבל לרחמים ולרצון!

הרה"ק בעל **עטרת יהושע מדזיקוב** זי"ע ברענגט בשם ספרים הק' אז פורים איז די ענדגילטיגע 'גמר חתימה טובה' פון די הייליגע טעג, און אז דאס איז די כונה פון דעם פסוק: '**כִּי כְתָב אֲשֶׁר נִכְתָּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין לְהָשִׁיב**'. דער הייליגער **מאור ושמש** זי"ע זאגט אז פורים איז דער שטן נישט דא, פונקט ווי יוה"ק!

לאמיר אלזא זיך מאכן דעם פשוט'ן לאגישן חשבון: אויב אגאנץ יאר איז דאך באקאנט מפי ספרים וסופרים, אז ווען א איד שטארקט זיך אויף א נסיון איז דאס א מורא'דיגע 'עת רצון' צו פועל'ן אויפ'ן ארט באלדיגע ישועות שלא כדרך הטבע, איז דאך 'על אחת כמה וכמה', ווען מ'שטייט אין אזא הויכן טאג, און מען איז זיך מתגבר אויף א נסיון, איז דאך נישטא די ווערטער צו משיג זיין אונזער כח עליון צו שפאלטן הימלען און אראפברענגען אלעס גוטס פאר אידישע קינדער, עד בלי די!

דאס איז א געלעגנהייט וואס מיר קענען און טארן נישט פארפאסן בשום אופן! מיר קענען אצינד האבן דעם מאכטפולן כח פון "כל הפושט יד נותנים לו", אינאיינעם מיט דעם הייליגן כח פון התגברות בעניני קדושה, ווען מיר דאס ארויסלאזן פון דער האנט חלילה?!

מ'קען אפילו זיך אנגרייטן עטליכע נעמען פון אידן וואס דארפן ישועות, און זיי אינזין האבן בשעת מעשה, בדבר ישועה ורחמים. אייגנטליך קען מען זיך אליין אויך אינזין האבן... מ'קען דאך ביי אזא געלעגנהייט אויס'פועל'ן אזויפיל גוטס און אזויפיל רחמים פאר אונזער אייגענע לעבן, פאר אונזער אייגענע משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

# פאראייכן די נסיונות

איינס פון די עיקר תחבולות דורך דעם יצר הרע איז, אז דער איד זאל 'ארייננפאלן' אין דעם טאג אן קיין רגע מחשבה פון פריער... אזוי איז אים פיל גרינגער צו באזיגן דעם מענטש חלילה. דעריבער איז ראטזאם צו מאכן א לאגישן פלאן בעפאר, און אויסרעכענען וואו מ'גייט אלץ גיין און וויאזוי זיך צו מסדר זיין אויפ'ן בעסטן אופן.

ס'איז זייער כדאי אז נאך איידער פורים זאל מען זיך פרובירן אויסשטעלן דעם טאג מיט א מהלך אז מ'זאל נישט ווערן אויסגעשטעלט אזויפיל צו נסיונות. געוויס איז נישטא דערביי קיין כללים, נאר יעדער איינער, לויט זיין מצב און לויט זיין סדר היום, דארף פרובירן דאס ווייניגסטע זיך צו געפינען אויף מקומות וואס קען חלילה ברענגען שוועריגקייטן פאר די קדושת העינים.

און ס'איז טאקע וויכטיג צו געדענקן דעם קריטישן יסוד אז פון זיך צוריקהאלטן צוליב שמירת עינים דערלייגט מען קיינמאל גארנישט! ס'איז נישטא אזא מציאות אז מען האט געהאט סיי וועלכע שאדן פון זיך מאכן א גדר פאר א דבר שבקדושה!

צווישן די בלעטער פון די גליונות ווערן בעז"ה כסדר פארעפנטליכט ערשטהאנטיגע געשיכטעס וואס אידן שיקן אריין, ווען זיי האבן געזען בחוש דעם 'אין אדם שומע לי ומפסיד'. אינעם היינטיגן גליון וועלן מיר אויך ברענגען עטליכע געשיכטעס וואס אידן האבן אריינגעשיקט וואס עס האט זיך מיט זיי אפגעשפילט אינעם יו"ט פורים.

די מעשיות זענען בלויז א ביישפיל פון הונדערטער אזעלכע סארט געשיכטעס, וואס אידן דערציילן אומאויפהערליך, ווי מ'זעט קלאר אז פון פאלגן דעם רבוש"ע קען מען נישט קיין שאדן האבן חלילה. ס'איז אלזא זיכער כדאי, סיי פראקטיש און סיי תורה'דיג, זיך צו אויסרעכענען דעם טאג מיט א רואיגקייט וואוסנדיג אז מען וועט גארנישט דערלייגן פון מקיים זיין דעם רצון ה'.




# לעבן מיט'ן העכערן געפיל פון תוקף קדושת היום

א גאר געשמאקע און אפעקטיווע וועג וויאזוי א איד קען צוגיין צו אזא טאג, איז מיט'ן מהלך וואס ווערט געברענגט אין ספרים הק' אז מ'זאל זיין פארנומען מיט'ן 'יא' אנשטאט מיט'ן 'ניין'. דהיינו, אז מ'זאל לעבן אין אזא טאג מיט דעם גודל קדושת היום, מ'זאל אטעמען און שפירן דאס געהויבנקייט פון דעם יום טוב, מען זאל זיך פרייען מיט אזא לעכטיגע טאג פול מיט מצוות און דערהויבנקייט, ווי מ'זעט עס טאקע בחוש ביי ערליכע אידן, אז פורים געפינען זיי זיך ממש אין א העכערע אטמאספערע פון אהבת ה' און קרבת אלקים.

ווען מ'נוצט אזוי אויס דעם פורים, דאן פאלן פון זיך אליין אוועק די אלע נסיונות, עס פארנעמט שוין נישט קיין מקום בכלל! אויטאמאטיש ווען עס קומט אינטער עפעס וואס טויג נישט,

ולהיות היהודים עתידים ליום הזה להנקם מאיביהם

# קורצע עצות

*איבערגעגעבן דורך ר' לייפער*

~ חזר דיר איין א ווארימע ווארט אויף שמירת עינים, און האלט עס פאר דיינע אויגן במשכ'ן גאנצן טאג.

~ **פורים האט מען נישט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ. מאך א 'פלאן' און מאך 'עקסערסייז' בעפאר פורים וויאזוי די וועסט היטן דיינע אויגן.**

~ נעם א קלבה בלויז אויף דעם איינעם טאג. פורים איז ס"ה 24 שעה.

~ **אויב גייסטו נאך געלט, גיי אינאיינעם מיט אן ערליכן חבר אדער קבוצה. נאך בעסער אויב זאגסטו אים פון פריער 'לאמיר זיך אכטונג געבן די אויגן'. דאס איז א געוואלדיגע עצה.**

~ טראכט אריין: פורים איז א זמן פון שמחה. וואס שטערט דעם מער די שמחה ווי זיך נישט היטן די אויגן?!

~ **האב גרייט וואס צו טון אדער טראכטן ווען די שטייסט ליידיג. רוב נסיונות קומען ווען מ'טוט נישט גארנישט.**

~ בעפאר פורים ווען דער מח איז רואיג מאך אפ ביי דיר מיט אן אמת: 'איך בין נישט אינטערעסירט' צו וויסן גארנישט אויסער מיין סדר היום. אלעס איבעריג עקזיסטירט נישט!

~ **בחורים: מאך זיכער אז די גייסט מיט א סביבה פון ערליכע בחורים! דו ביסט א לעכטיגער בחור, אבער דיין סביבה קען דיר אוועקשלעפן.**

~ נעם דיר פאר בעפאר פורים אז די גייסט נישט אריינקוקן אין קיין שום קאר במשכ'ן גאנצן טאג.

~ **אפי' דו הערסט אדער באמערקסט עפעס אינטערעסאנט, הייב נישט אויף דיינע אויגן. איידער די ביסט זיכער אז ס'איז נישטא קיין חשש פון ראיות אסורות.**

# לאמיר נישט זיין אזוי נייגעריג!

ווי ערווענט, איז איינס פון די שטארקע גורמים פאר נסיונות אום פורים, די עצם מציאות אז ס'איז פרייליך אויף די גאסן און אין יעדן ווינקל איז דא וואס צו זען... אונזער נאטירליכע נייגער ברענט אין אונז און עס גיט אונז דעם געפיל אז ס'לוינט זיך נישט צו פארפאסן גארנישט...

דעריבער דארף אן ערליכער איד מחליט זיין, ווען דער הייליגער יום טוב קומט צוגיין, מיט א פעסטע החלטה אז: "אויב וועט זיין א פלאץ וואו ס'קען אונטערקומען נסיונות, דעמאלט גיי איך נישט זיין נייגעריג! איך בין בכלל נישט פאראינטערעסירט צו קוקן וואו מ'ברויך נישט, זאל זיין וואס זאל זיין!".

דער הייליגער **חוות דעת** אין זיין פירוש '**מגילת סתרים**' אויף דער מגילה, לייגט אראפ באזירט אויף מדרשי חז"ל, אז אט דער 'טריק' פון מאכן דעם מענטש נייגעריג און אזוי אים שלעפן צו זען נישט גוטע זאכן, איז אייגנטליך שוין באנוצט געווארן דורך אחשורוש ביי זיין גרויסער סעודה אין שושן.

דער מגילת סתרים ברענגט פונעם **מדרש** (אסתר רבה פ"ז ועוד) אז אחשורוש האט אוועקגעשטעלט ראיות אסורות פארנט פון די אויגן פון די באטייליגטע ביי דער סעודה. אבער ער האט דאך געוואוסט אז סתם אזוי וועלן אידן נישט קוקן אויף אזעלכע זאכן, דעריבער האט ער פאר דעם צוועק, פארארדנט צו מאכן די טייערסטע פירהאנגען מיט די שענסטע קאלירן, אויפגעהאנגען מיט די הערליכסטע שטריק אויף זילבערנע און מארמארנע זוילן - אלעס כדי צו ציען דאס אויג!

דער רשע אחשורוש האט דירעקט געוואלט ערוועקן די נייגער פון די אנוועזנדע, אז זיי זאלן זיין פארנומען צו זיך ארומקוקן אויף די אויג פארכאפנדע זאכן, און דעמאלסט וועט מען שוין זען דאס וואס ער וויל אז מ'זאל זען, רחמנא ליצלן!

דער חוות דעת שרייבט ווייטער, אז אויך די סעודה פון ושתי האט געדינט דעם זעלבן ציל. די משתה נשים איז דירעקט געפראוועט געווארן סמוך ונראה צום חצר גינת ביתן המלך, וואו די מענער זענען געזיצן, כדי מ'זאל קענען אריינקוקן און נכשל ווערן מיט ראיות אסורות. מיר געפינען אויך אין מדרש אז די פירהאנגען זענען געווען געמאכט מיט לעכער. גאנץ מעגליך אז דאס איז אויך נישט געווען ממש פאר שיינקייט, נאר טאקע צו ערוועקן די נייגער פון די באטייליגטע אז זיי זאלן קענען אריבערזען צו דער עזרת נשים (ספר פרסומי ניסא מדור אוצר המנוצר).

ליידער, געפינען מיר אין די מדרשים, האט אחשורוש'ס פלאן געשלאגן ווארצלען. איבער אכצן טויזנט אידן פון שושן האבן זיך געלאזט אריינשלעפן אין זיין נעץ (ילקוט שמעוני רמז תתרנ"ז). זיי האבן מיטגעהאלטן דער סעודה, און נכשל געווארן מיט הארבע עבירות רח"ל, נישט וואוסנדיג אז דער רשע וטמא האט זיי דא פארנארט מיט אביסל 'נייגעריגקייט', וואס דאס האט געברענגט דעם הארבן עונש, 'מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע'.

אויב אזוי איז דאך געוויס 'מדה טובה מרובה', ווען אידן שטארקן זיך אין אזא טאג ווי פורים, זיך צוריקצוהאלטן פון דעם נאטירליכן נייגער געפיל, איז דאס די גרעסטע קלאפ '**להשיב מחשבתו הרעה אשר חשב על היהודים**', און צו ברענגען אלע ליכטיגע השפעות פון דעם קדושת היום!

וועט מען פון זיך אליין 'נישט וועלן' אהינקוקן, ווייל ווי קומט דאס אריין 'יעצט' איז אזעלכע הייליגע מאמענטן?! פונקט ווי אינמיטן תקיעת שופר וועט קיינער אפילו נישט האבן קיין נסיון אויף שמירת עינים, דאס זעלבע קען א איד זוכה זיין אום פורים, אויב וועט ער געדענקען וואס די ספרים הק' זענען מפליג איבער דעם קדושת היום, אז ס'איז ממש ווי 'יום כיפורים'!

אז מ'לעבט דעם יום טוב מיט אזא בליק, פאסירט פון זיך אליינס אז אפילו ווען דער נסיון פאטשט אין פנים, טראכט מען גלייך במחשבה: "ווי קען איך פארפאטשקענען אזא הייליגן טאג?! עס איז דאך היינט פורים, איך וויל בלויז ווערן נענטער צום באשעפער און נישט נענטער צום יצר..."

דער איד לעבט פשוט אין א צווייטע וועלט פון דערהויבנקייט און קדושה, ווי די **ספה"ק** טייטשט דעם פסוק "**אוהבי ה' – שנאו רע**" אז איינער וואס שפירט אן אהבת ה' אין הארץ, וועט ער אויטאמאטיש זיך עקלען און אפווייכן פון שלעכטס.

וויפיל מער מען גרייט זיך צום פורים מיט די ריכטיגע הכנה; וויפיל מער מען איז עוסק צו לערנען די ווערטער פון צדיקים איבער די קדושה פונעם יו"ט; וויפיל מער מ'הייבט אויף די השגה און דאס געפיל פאר'ן פורים; אזויפיל ווייניגער וועט מען בעז"ה האבן די נסיונות! די אלע שוועריגקייטן וועלן פשוט נעלם ווערן און מ'וועט בעז"ה זוכה זיין צו א טאג פון קדושה וטהרה אויף'ן שענסטן פארנעם.






# ברצון איש ואיש...

רינדעכיגן טישל וואו אידן לאזן זיך הערן מיט זייערע **רעיונות** און **עצות**, **חיזוק** און **קוראזש**, אלעס ארום שמירות עינים אין פורים.

## מ'קען רואיג זינגען אויף דער גאס...

לכבוד די חשוב'ע מערכת 'טהור עינים'.

ס'איז דא א באקאנטע ניגון אויף די ווערטער 'לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו', און היות פורים קען מען זינגען אויפ'ן גאס אן קיין בושה, האב איך זיך איינגעפירט אז יעדעס מאל ווען מ'איז אויסגעשטעלט צו נסיונות, הייבט מען אן זינגען דעם ניגון מיט כוונה, און די רעזולטאטן זענען בדוק ומנוסה!

און בדרך אגב, אויך אגאנץ יאר איז דאס נוצבאר, הגם מ'קען דאס נישט זינגען 'בקול רם', אבער אפילו ווען מ'זינגט זיך עס אונטער שטילערהייט, האט עס א גוטן אפעקט. אבער פורים קען מען אויך טאנצן דערויף, אפילו ברבים, און ס'ברענגט פארשטענדליך אסאך שטארקערע תוצאות...

החותם בכל הברכות, ידידכם הנהנה מאד מאד מכל גליון וגליון, חזקו ואמצו.

(-) וומס"ב

## אינזין האבן ביי 'שהחיינו' נאך א 'מצוות היום'

מיט עטליכע חדשים צוריק האב איך געליינט אין דעם גליון 'טהור עינים' פון כ"ק אדמו"ר מהרי"י מסקולען זצ"ל אז יעדעס יאר פסח ביינאכט ביים סדר פלעגט ער אנזאגן אז ביי דער ברכה פון שהחיינו זאל מען אינזין האבן צו מקיים זיין דעם 'ולא תתורו' אין די קומענדיגע זומער חדשים.

די הייליגע הוראה איז מיר מורא'דיג שטארק אריין אין די ביינער, ווייל דאס גיט דעם ריכטיגן בליק און דערהער, אז מ'זאל נישט שפירן ווי שמירת עינים איז עפעס א שטער וואס 'שטייט אין וועג', נאר אדרבה! ס'איז א חלק פון דער עבודת ה' אויף וואס מיר דאנקן און לויבן השי"ת. אזוי ווי מ'דארף עסן מצה מיט מרור, אזוי אויך דארף מען היטן די אויגן, ס'איז איין גרויסע גליקליכע זכות פון טון דעם רצון ה'!

על כל פנים, יעצט ווען ס'קומט פורים, קען מען זיכער אויך נוצן דעם זעלבן רעיון זיך צו שטארקן מיט שמירת עינים.

ס'איז דאך איינגעפירט אז מ'רופט אויס בעפאר מגילה ליינען אז מ'זאל אינזין האבן ביי די ברכת שהחיינו אז דאס גייט ארויף אויף אלע מצוות היום, נו, קען מען אודאי אויך אינזין האבן ביי שהחיינו אז ס'זאל ארויפגיין אויף די גאנצע שמירת עינים פון דעם הייליגן טאג! אזוי וועט דער גאנצער פורים זיין איין שטיק עבודת ה', מיט שמחה וצהלה און קדושה וטהרה, א חתיכה אחת פון מאכן א נחת רוח פאר אבינו שבשמים.

אסאך הצלחה אין דער עבודת הקודש.

ברוך ל.. קרית יואל

## די זארג פון ערליכע אידן פאר קדושת העיר אום פורים

אלס הוספה צו די רייכע גליונות פון 'אן אפגעהיטענער פורים', איז מערקווירדיג צו פארציילן אז אין ירושלים עיה"ק איז געווארן איינגעפירט דורך הגה"ק רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל חבר הבידי"ץ, אז חשוב'ע יונגעלייט זאלן שטיין אויף דער וואך און אכט געבן אויף די גאסן אז ס'זאל נישט צוקומען צו קיין תערובות און פריצות חלילה.

די יונגעלייט זענען טאקע געשטאנען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש ווועקגעבנדיג זייער טאג פאר דער הייליגער אויפגאבע. הערשט פארנאכטס פלעגן זיי ארויפגיין צו רבי בנימין זצ"ל, וואס האט זיי אויפגענומען מיט א געוואלדיגע שמחה און ער האט געטאנצן מיט זיי ארויסצייגנדיג זיין שעצונג אויף די גרויסע זכי' וואס זיי האבן געהאט.

טייל מאל איז טאקע נישט אנגעקומען אזוי לייכט דאס שטיין על המשמר, ווייל מ'האט מיט כח געדארפט פארטרייבן פארשידענע פארשוינען וועלכע האבן געוואלט צעשטערן דעם קדושת העיר והיום, און די יונגעלייט זענען געווען אויסגעשטעלט צו כאפן מכות און השפלות. אבער שפעטער ווען זיי פלעגן ארויפקומען פארנאכטס צום רב, זייענדיג צעהאקט און צעביילט, האט ער דאס נאכמער ארויסגעהויבן און זיי אויסטערליש מחזק געווען.

אזוי אויך האב איך געהערט שוין מיט יארן צוריק אן אינטערעסאנטע זאך, אז דער רב פון בני ברק, הגאון רבי יעקב לאנדא זצ"ל, פלעגט יעדעס יאר מתפלל זיין אז ס'זאל רעגענען אום פורים, כדי אז די שטאט זאל זיין אפגעהיטן, ווייל מ'קען נישט געהעריג פארברענגען אין די רעגנדיגע גאסן. און אזוי איז טאקע אז במשך אלע יארן וואס ער האט געלעבט פלעגט שטענדיג רעגענען פורים אין בני ברק, און די שטאט איז געבליבן הייליג און ריין!

א יישר כח פאר די כסדר'דיגע רייכע גליונות מלא חיזוק.

נ.ל.

## ונשמע פתגם המלך - אן אויסוואל פון תורה ליניעס

איך וויל מיטיילן אן גוטער מיטל וויאזוי מ'קען אויסמיידן אסאך פון די נסיונות אין שמירת עינים וואס קומען אונטער אום פורים.

היינט איז ב"ה דא אן קיין שיעור תורה שיעורים וואס מ'קען הערן אויפ'ן טעלעפאן אדער אויף רעקארדערס. און פורים איז דאך נישט 'אסור במלאכה'. מ'קען אלזא זיך אנגרייטן בעפאר פורים פארשידענע געשמאקע זאכן וואס צו הערן אין א צייט ווען מ'גייט אויפ'ן גאס אדער מ'איז אויסגעשטעלט צו נסיונות.

שוין אפגערעדט אז מ'קען זיך טאקע אנגרייטן צו הערן שיינע ענינים אויף פורים אליין, צו שפירן דעם קדושת



היום, וואס דאס אליין העלפט ארויס זיך נישט צו פארלירן און זיך צו האלטן דערהויבן בעז"ה.

נאך א גוטע געדאנק פאר מענטשן וואס פארן ארום מיט די קארס צו טראגן און ברענגען משלוח מנות, אז מ'זאל מיטנעמען א תהלים'ל אויפ'ן וועג, אזוי אז ווען מ'דארף זיך אפשטעלן און ווארטן, זאל די אויגן נישט ארומפליען אין אזא הייליגן טאג, נאר מ'זאל ליבערשט אויסנוצן די צייט צו אריינכאפן נאך א קאפיטל תהלים, וואס האט א דאפלטע תועלת און ס'וועט זיכער ברענגען גוטע השפעות.

א דאנק פאר'ן אריינשטעלן די שורות.

*ב. כהנא, מאנסי*

## מפרסם זיין דער תפילה פון הגה"צ רי"מ שעכטער שליט"א

די מערכת פון 'טהור עינים' האט בעבר שוין אסאך מאל פארשפרייט די ווארימע 'לשם יחוד' פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א אויף די עבודה פון שמירת עינים. ס'איז זייער פאסיג אז ווען מ'גרייט זיך צום הייליגן טאג פון פורים זאל מען זיך מחזק זיין דורך זאגן דעם לשם יחוד, אז דאס זאל באגלייטן דעם מענטש אויפ'ן גאנצן טאג.

אפשר איז כדאי אריינצולייגן די תפלה אין דעם גליון פון פורים, אז אויך מענטשן וואס האבן נישט די קארטלעך מיט דער תפלה זאלן עס האבן צו דער האנט יעצט לקראת דעם הייליגן יום טוב.

*מ. סאמט,*

**המערכת:** לכבוד פורים האבן מיר בס"ד ארויפגעלייגט אויפ'ן טהור עינים טעלעפאן ליין עקס. 1-5 די "לשם יחוד" און די הארציגע תפילה "רבונו של עולם" פון הגה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

## עס פאסט מיך נישט...

צו די טייערע מערכת פון דעם גליון 'טהור עינים'.

ס'איז דא א געוואלדיגע לשון אין מדרש (ילקוט שמעוני אסתר רמז תתרנ"ד) אויפ'ן פסוק 'ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה', אז די סיבה פארוואס מרדכי הצדיק האט זיך נישט געביקט פאר דעם רשע איז געווען ווייל ער האט געזאגט אז ס'פאסט נישט. דער מדרש זאגט: "אמר מרדכי, אני איני יכול להחניף לרשע הזה שאני טעון סגנון של מלך, שנאמר לבנימן אמר ידיד ה' ישכון לבטח עליו".

די מפרשים זענען מסביר אז 'סגנון של מלך' באדייט א צייכן און א סימן פון דעם קעניג. מרדכי הצדיק האט גע'טענה'ט אז ער א אידיש




# אנטדעקט א נייע פורים

איך בין א יונגערמאן וואס האט חתונה געהאט מיט אביסל ווינציגער פון צוויי יאר צוריק. ס'איז שוין אריבער איין פורים נאך מיין חתונה, און כ'שפיר אז איך מוז ארויסברענגען מיינע געפילן. אפשר וועלן עס אנדערע בחורים ליינען, און מיינע ווערטער וועלן האבן עפעס א שטיקל רושם, והי' זה שכרי.

במשך אלע מיינע בחורי'שע יארן בין איך, ווי דער שטייגער, געגאנגען יעדן פורים אויף די גרופס. זייענדיג א טיכטיגער נאטור בין איך אייביג געווען פארנומען דערמיט שוין עטליכע וואכן בעפאר פורים, און פארשטייט זיך פורים אליין. אזוי ווייט אז תענית אסתר האב איך קיינמאל נישט געשפירט ווי איך פאסט אפילו, זייענדיג פארנומען מיט אלע הכנות פאר דעם גרופ...

פורים ביינאכט פלעגן מיר ארגאניזירן א שנעלער מנין פאר מגילה ליינען. מ'האט זיכער געמאכט אז דער בעל קורא קען ענדיגן די מגילה אין צוואנציג מינוט. דאן האט מען זיך שנעל געוואשן און געבענטשט און זיך ארויסגעלאזט אויף די יארכע ביז כ'בין געגאנגען שלאפן דריי אזייגער שפעט ביינאכט.

פורים אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען און גלייך געלאפן כאפן א טבילה, דאווענען און הערן די מגילה מיט א האלבע אויער, אלעס די שנעלסטע וואס איז נאר געווען שייך. און דערנאך בין איך באלד אריין אין דעם גרופ זייענדיג פארנומען מיט די מוזיק, מיט'ן טראק/מאביל, און מיט'ן זיך נאריש מאכן אין הייזער ביז אין די שפעטע נאכט שטונדן, ווען כ'בין אהיימגעקומען אויסגעשעפט, האלב שיכור און האלב ניכטער, מיט א ליידיגן געפיל.

הערשט פאראיאר פורים, זייענדיג א האלבע יאר נאך מיין חתונה, האב איך צום ערשטן מאל געמאכט א שטיקל ערנסטע הכנה צום יום טוב. כ'האב געלערנט הלכות מיט אביסל חסידי'שע ספרים, און ס'האט זיך מיר געעפנט א נייע וועלט. כ'האב געהערט א נייע שפראך, אז פורים איז א טאג פון נאנטקייט צום אויבערשטן!

ווען ס'איז אנגעקומען פורים איז דאס געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס כ'האב געהערט א נארמאלע מגילה ליינען מיט א געשמאק. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס כ'האב געגעסן א סעודה מיט דער משפחה, געטאנצן און געזינגען און זיך געלייגט שלאפן צייטליך.

פורים אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען פרי צו זאגן אביסל תהלים מיט א דערהויבנקייט. איך געדענק נישט ווען כ'האב געהאט אזעלכע הרגשים ווי ביי דעם תהלים זאגן פורים אינדערפרי. דערנאך איז שוין דער גאנצער טאג אריבער מיט אזא לעכטיגקייט. כ'האב געטרונקן און זיך משמח געווען און ס'איז פשוט געווען א טעם גן עדן.

אצינד טראכט איך נאר צוריק מיט באדויער, וויאזוי כ'האב ממש פארפאטשקעט מיינע יארן און אוועקגעווארפן די אלע פורים'ס וואס כ'וואלט געקענט אסאך קלוגער אויסנוצן. איך האב אייביג געלעבט אין א טאטאלן טעות אז פורים איז עפעס אזא מין טאג וואס... איך האב נישט די ווערטער דאס ארויסצושרייבן, ווייל ס'האט נישט קיין ווערטער... עפעס אזוי ווי מ'גייט אריין אין א וואש מאשין, אין מ'דרייט זיך אין אן ענדלאזן געיעג...

אבער איך לויב און דאנק דעם אויבערשטן אז כ'האב זיך ענדליך אויסגעלערנט אז מ'קען יא אפרעכטן אזא יום טוב מיט אזא געשמאק, אפילו מ'איז נישט דער גרעסטער 'עובד'... מ'קען זאגן תהלים, דאווענען בכוונה, זיך אויסבעטן ישועות, געבן צדקה מתנות לאביונים, משלוח מנות מיט א הידור נישט סתם יוצא געווען, הערן די מגילה מיט כוונה, לערנען עפעס פון פורים, גיין צו א רבי'ס טיש, באזוכן גוטע אידן, טון גמילת חסדים דורכן ארויפגיין צו צובראכענע מענטשן, אלמנות, און אזוי ווייטער קען מען דאך אויפגעטון אין דעם טאג א געוואלד!

מ'זאגט דאך נאך פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע אז מ'וואלט געדארפט מאכן עטליכע טעג פורים פאר אזויפיל מצוות, נו איז דאך אודאי זיכער אז דעם איינעם טאג קען מען אנפילן מיט אזויפיל גוטע זאכן.

ביטע אריינשטעלן די עטליכע שורות. זאל עס זיין א שטיקל כפרה פאר מיינע אויסגעגאסענע פורים'ס ביז היינט.

*א יונגערמאן וואס קוקט שוין ארויס אויפ'ן קומענדיגן פורים הבעל"ט*



קינד וואס טראגט מיט שטאלץ דעם אות המלך, ער ווערט אנגערופן 'ידיד השם', דעריבער קען ער זיך נישט אראפלאזן צו חנפ'נען דעם רשע.

דער מדרש זאגט ווייטער אז מרדכי הצדיק האט געזאגט: "איסגנטריני של הקב"ה אני, וכי איסגנטרין משתחוה להדיוט?", די מפרשים ערקלערן אז דאסווארט 'איסגנטרין' מיינט 'נושאי חותמו של מלך', א אידיש קינד טראגט אויף זיך דעם זיגל פונעם מלך מלכי המלכים. וויאזוי קען אזא איינער וואס פארמאגט אזא הייליגע און חשוב'ע פאזיציע, זיך גיין ביקן פאר א הדיוט ווי המן הרשע?!

די הייליגע ווערטער פון מרדכי הצדיק איז דאך אזוי אקטועל צו באגלייטן א איד אלעמאל ווען ס'קומט אונטער א נסיון. לאמיר געדענקן דעם מעסעדזש פון מרדכי הצדיק: מיר זענען געהויבענע מקורבים צום מלך! ס'פאסט פשוט נישט פאר אזא פערזענליכקייט ווי א אידיש קינד, זיך אראפצולאזן צו די נארישקייטן וואס עמלק וויל אונז מציע זיין! ס'איז נישט פאר אונזער לעוול, מיר זענען העכער דערפון! איסגנטריני של הקב"ה אני, וכי איסגנטרין משתחוה להדיוט?!

פישל האלפפעלד, ב"פ

## משלוח מנות פאר כביכול

איך וויל זיך זייער באדאנקן אויף די וואונדערליכע גליונות, ס'איז נישט צום באשרייבן די גרויסע מהפיכה וואס איר האט געמאכט. א באזונדערן דאנק אויף דעם קונטרס 'אן אפגעהיטענע נסיעה', וואס איך בין ב"ה געפארן מיט דעם קונטרס א וועג פון ארץ ישראל קיין אמעריקע און צוריק, און ס'איז געווען עפעס מורא'דיג.

ווען ס'קומט פורים און מ'וויל זיך שטארקן מיט שמירת עינים, איז דא א געוואלדיגע מהלך פון 'דמיון דקדושה', וואס ווערט דערמאנט אין ספרים, בפרט אין די ספרים פון דעם בעל חובת התלמידים פון פיאסעצנע זצ"ל.

דאס הייסט אז ווען מ'גייט אויף דער גאס זאל מען זיך אויס'דמיונ'ען ווי מען איז יעצט אזויווי מרדכי הצדיק וואס זיצט בשער המלך און ער מאכט זיך נישט וויסנדיג פון המן, ולא קם ולא זע... אדער ווי מרדכי הצדיק שטויסט אויף המן ביים ארויפגיין אויפ'ן פערד... און מיט דער מחשבה זאל מען זיך שטארקן אז יעדע התגברות איז א שטויס אויף המן. (ווי ס'שטייט אין ספה"ק בית אהרן אז יעדע פעולה וואס א איד טוט, איז מחיית עמלק).

נאך א גוטע מחשבה צו טראכטן: מ'זאל מחליט זיין תיכף פורים אינדערפרי, אז היינט גיי איך שיקן מיין פערזענליכע 'משלוח מנות' פאר'ן רבוש"ע! יעדע התגברות, יעדע בליק וויינעגער, איז נאך א משלוח מנות!

פ. ש.






## מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח ר **אברהם מאיר איצקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו היקר
מוה"ר **יואל כייעס** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי בנו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו היקר
מוה"ר **יואל בר"י מיטעלמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל נשואי בנו למז"ט

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

## על הטוב יזכר

### זכות מזכה

הר"ר **ישראל קרויס** הי"ו

~~~

הר"ר **יואל ראזענבערג** הי"ו

~~~

הר"ר **יוסף מרדכי ווייגשטאק** הי"ו

~~~

הר"ר **קלמן אליעזר ווערצבערגער** הי"ו

### זכות 2000 גליונות

הר"ר **וואלף ליכטענשטיין** הי"ו
לרגל **נישואי בתו** למזל טוב

~~~

הר"ר **אברהם יצחק כאירה** הי"ו
לרגל **נישואי בתו** למזל טוב

~~~

הרה"ג **שלמה אליעזר שפיטצער** שליט"א - לרגל **נישואי בתו** למזל טוב

~~~

הר"ר **זלמן פריידריך** הי"ו
לרגל **נישואי בנו** למזל טוב

~~~

הר"ר **יואל כ"ץ** הי"ו
לרגל **נישואי בתו** למזל טוב

### זכות 1000 גליונות

הרה"ג ר **מאיר צויבל** שליט"א - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ג ר **יצחק אייזיק גליק** שליט"א | הר"ר **יהוסף שווארטץ** הי"ו | הר"ר **דוד מנשה קרויס** הי"ו | הר"ר **אלימלך ווידער** הי"ו | הר"ר **יצחק נפתלי מאן** הי"ו | הר"ר **משה חיים קאהן** הי"ו - לרגל נישואי בתו למזל טוב | הר"ר **שלמה לאנדא** הי"ו - לע"נ **רחל פרידא הענדל** ע"ה ב"ר **אלימלך** הי"ו | הר"ר **זלמן לייב רובין** הי"ו - לע"נ **מאיר יוסף** ב"ר **מנחם מענדל** ע"ה, כ"א שבט - הר"ר **יעקב אליעזר ווערצבערגער** הי"ו | לרגל נישואי בתו למזל טוב | הר"ר **ציון עובדי' מאסרי** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הר"ר **שלום אליעזר ליכטענשטיין** הי"ו | הרה"ח **חיים בצלאל כלום** הי"ו | הר"ר **אהרן משה פרייד** הי"ו | הר"ר **דוד יושע הירש** הי"ו - לרגל נשואי בנו למזל טוב | הר"ר **אברהם סופר** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **נחמן קליין** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הר"ר **משה הערש סופר** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הר"ר **יוסף דוד פאשקאעס** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הרה"ג **זלמן לייב טייטלבוים** שליט"א - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **אליעזר וואלדמאן** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **חיים הערש לעווי** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | הר"ר **יואל ברא"י ווערצבערגער** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב / הר"ר **יעקב משה ווערצבערגער** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב / הר"ר **יוסף קרויס** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב / הרה"ג ר **ליפא** ברמ"א **פריעדמאן** הי"ו - לרגל נישואי בתו למזל טוב


**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1. נדבה ליין
2. איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3. ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4. אויפסיינען אויף אימעיל
9. מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בלשה"ק:

המערכת בענגליש: 732.532.2242

המערכת בספאניש: 054.115.219.8810

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל
07421307356

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
845.999.4114 #1-3



**845.999.4114**
זיך צו פארבינדן פערזענליך מיט אונזער עסקן הר"ר שמעון ווייס, רופט 347.921.2577

| | | | |
|---|---|---|---|
| פטרון החודש | $12000 | עמוד בגליון | $600 |
| הוצאות הגליון | $6000 | 2000 גליונות | $360 |
| הדפסת הגליון | $1800 | 1000 גליונות | $180 |

מְזַכֶּה | $25 לחודש
מְזַכֶּה | $50 לחודש
מְזַכֶּה | $100 לחודש
~~~